# מיט א טיפערן בליק

## פרשת בלק תשפ"ה

## דיין נסיעה פון לעבן

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

מיר שטייען אצינד אין פרשת בלק, די פרשה אין וועלכע בלעם הרשע האט געוואלט קומען שעלטן די אידן, אבער צום סוף האט ער זיי געמוזט בענטשן.

די תורה הקדושה דערציילט אונז באריכות די גאנצע השתלשלות ווי בלק דער קעניג פון מואב האט מורא געהאט פון כלל ישראל אז זיי וועלן איהם באזיגן, האט ער געשיקט שלוחים צו בלעם וואס האט געהאט א כוח צו שעלטן, אז ער זאל קומען שעלטן די אידן. אין אנהייב האט דער אייבישטער געזאגט צו בלעם אז ער זאל נישט גיין מיט די שלוחים, און בלעם האט טאקע אפגעזאגט. בלק לאזט אבער נישט נאך, ער שיקט חשוב'ערע שלוחים זיך איינצובעטן ביי בלעם אז ער זאל וועלן קומען, ביז צום סוף קומט השי"ת און זאגט איהם אז ער קען גיין צו בלק, אבער ער זאל גארנישט טוהן אנדערש ווי וואס דער אייבישטער וועט זאגן.

בלעם שפאנט אין זיין אייזל און ער לאזט זיך ארויס אין וועג אינאיינעם מיט בלק'ס שלוחים, מיט די כוונה יא צו שעלטן כלל ישראל. דער אייבישטער איז ברוגז פארוואס ער וויל גיין שעלטן די אידן, און עס קומט צו גיין א מלאך פון הימל וואס שטעלט זיך פאר די אייזל מיט א אויסגעשטרעקטע שווערד. בלעם האט נישט געזעהן דעם מלאך, די אייזל האט אבער יא געזעהן און דעריבער האט זי זיך אוועקגעדרייט פונעם וועג. בלעם ווערט אין כעס און שלאגט דעם אייזל אז זי זאל צוריקגיין אויפן וועג, אבער דער מלאך לאזט נישט, דער מלאך האט זיך געשטעלט אינמיטן א שמאלע וועג און שטערט די אייזל פון גיין ווייטער. די אייזל האט נישט קיין ברירה און זי דרוקט זיך צו צום וואנט און צוקוועטשט בלעם'ס פוס, בלעם שלאגט ווייטער דעם אייזל, ביז זי זעצט זיך אראפ הויערן אויפן פלאץ און רירט זיך נישט ווייטער, בלעם ווערט נאך מער אין כעס, ער נעמט א שטעקן און שלאגט דעם אייזל.

וַיִּפְתַּח ה' אֶת פִּי הָאָתוֹן, דער אייבישטער האט געמאכט א נס אין די אייזל האט אנגעהויבן צו רעדן, און זי פרעגט פון בלעם "מֶה עָשִׂיתִי לְךָ כִּי הִכִּיתָנִי זֶה שָׁלֹשׁ רְגָלִים - וואס האב איך דיר שלעכטס געטוהן אז דו האסט מיר אזוי געשלאגן דריי מאל?" און בלעם ענטפערט צוריק "כִּי הִתְעַלַּלְתְּ בִּי, לוּ יֶשׁ חֶרֶב בְּיָדִי כִּי עַתָּה הֲרַגְתִּיךְ" ווייל דו מאכסט חוזק פון מיר אויב כ'וואלט געהאט דא א שווערד וואלט איך דיר גע'הרג'עט. צום סוף האט השי"ת אויפגעמאכט די אויגן פון בלעם, און ער האט געזעהן דעם מלאך שטיין דארט מיט זיין שווערד אין די הענט. דער מלאך זאגט איהם, וואס ווילסטו פונעם אייזל? איך בין דער וואס האט זיך געשטעלט אין וועג איר צו שטערן!

**רש"י** ברענגט אויפן פלאץ, כִּי הִכִּיתָנִי זֶה **שָׁלֹשׁ רְגָלִים**, "רמז לו, אתה מבקש לעקור אומה החוגגת שלש רגלים בשנה" דער אייזל האט דא מרמז געווען פאר בלעם מיט זיינע ווערטער, געדענק וועמען דו גייסט דא טשעפענען! דו ווילסט אויסרייסן די פאלק וואס פייערט 'שלש רגלים' דורכ'ן יאר און זיי גייען עולה רגל זיין. ווי איינער זאגט, דו וועסט נישט קענען בייקומען כלל ישראל וואס האלט די שלש רגלים.

**די דיוקים אין אונזער פרשה**

לכאורה דארף מען פארשטיין די כוונה פונעם רמז, וואו קומט אריין דא דער ענין פון שלש רגלים דייקא? פארוואס עפעס איז דאס די זכות וואס וועט ביישטיין פאר כלל ישראל קעגן בלעם'ס שלעכטע פלענער? בכלל ווייסן מיר דאָך אז **רש"י** איז א מפרש און לערנט עפ"י רוב די פשוט'ע פשט אין פסוק, וואס וויל רש"י דא ארויסברענגען מיט'ן רמז, און וואס לערנט עס אונז?

נאך דארף מען פארשטיין, פון די ברכות וואס בלעם בענטשט די אידן און די מעלות וואס ער רעכנט אויס אויף כלל ישראל [גצעוווינגענערהייט פון הימל] זעהן מיר אז ער האט אנערקענט די גרויסקייט און הייליגקייט פון כלל ישראל. אין זיינע ווערטער זאגט בלעם צווישן אנדערע (כ"ג י') "תָּמֹת נַפְשִׁי מוֹת יְשָׁרִים וּתְהִי אַחֲרִיתִי כָּמֹהוּ" הלואי זאל איך שטארבן אזויווי די צדיקים פון כלל ישראל און מיין סוף זאל זיין אזויווי זייערס... דאס הייסט אז ער איז משיג די חשיבות און שיינקייט פון אידישע קינדער, אבער מיט דעם אלעמען איז ער פארבליבן בלעם הרשע. און צום סוף ווען ער האט געזעהן אז ער קען נישט שעלטן, האט ער געגעבן א עצה פאר בלק וויאזוי מכשיל צו זיין די אידן מיט עבירות און דאס וועט גורם זיין אז זיי וועלן באשטראפט ווערן פון הימל, אזויווי עס האט טאקע פאסירט.

וואו קומט דאס צו בלעם נאכן משתוקק זיין צו שטארבן ווי א איד און זוכה זיין צו וואס די אידן זענען זוכה, זיך אזוי אומצוגיין קעגן כלל ישראל און זיי זוכן אונטער צו ברענגן ח"ו?

**וועמענ'ס תלמידים זענען מיר?**

אין די פרשה ליגט פאר אונז א לימוד לדורות, א זאך וואס מיר מוזן אפלערנען און מיטנעמען מיט זיך אינעם טאג טעגליכן לעבן.

איבערהויפט ווי מיר געפונען אין די משנה אין **פרקי אבות** (פרק ה' משנה י"ט) "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ שְׁלֹשָׁה דְבָרִים הַלָּלוּ מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ, וּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים אֲחֵרִים מִתַּלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע. עַיִן טוֹבָה וְרוּחַ נְמוּכָה וְנֶפֶשׁ שְׁפָלָה מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ. עַיִן רָעָה וְרוּחַ גְּבוֹהָה וְנֶפֶשׁ רְחָבָה מִתַּלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע. מַה בֵּין תַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ לְתַלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע, תַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוֹכְלִין בָּעוֹלָם הַזֶּה וְנוֹחֲלִין בָּעוֹלָם הַבָּא... אֲבָל תַּלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע יוֹרְשִׁין גֵּיהִנָּם וְיוֹרְדִין לִבְאֵר שַׁחַת". איז משמע פון דעם אז עס זענען פאראן תלמידים פון ביידע, עס זענען דא מענטשן וואס ווערן ח"ו נכשל און זיי פאלן אריין אין די קאטעגאריע פון תלמידיו של בלעם הרשע.

לאמיר פארשטיין וואס איז די מהות און אפטייטש פון בלעם הרשע און זיין התנהגות, כדי נישט צו זיין פון זיינע תלמידים. אדרבה, לאמיר זיין פונקט

פארקערט, די זה לעומת זה פון בלעם הרשע, דאס איז דער דרך פון אברהם אבינו אין וועלכע מיר ווילן זיך באהעפטן און נאכגיין זיינע פיסטריט.

### די שמחה ביים גיין עולה רגל זיין צום ביהמ״ק

בזמן שבית המקדש היה קיים פלעגן אידן ארויפגיין צום בית המקדש דריי מאל א יאר מקיים צו זיין די מצוה פון עולה רגל זיין. כלל ישראל האט דאס מקיים געווען מיט גרויס התלהבות און אפילו מסירות נפש. אלע וואס האבן געוואוינט ווייט האבן זיך שוין ארויסגעלאזט טעג און וואכן פריער כדי צו מאכן דעם לאנגן וועג, זיי האבן געמוזט איבערלאזן אלע זייערע פעלדער און נכסים, זייער גאנצע האב און גוטס איז געבליבן אינדערהיים, און זיי האבן גענומען דעם וואַנדער שטעקן אין די הענט אריין אלעס מיט'ן ציל צו ווערן דערנענטערט צום אייבישטער, יֵרָאֶה כָל זְכוּרְךָ אֶת פְּנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחָר, צו ברענגען קרבנות און ווערן דערהויבן אינעם בית המקדש.

די גאנצע וועג ארויף קיין ירושלים איז צוגעגאנגען פיל מיט התרגשות, מיט א זעלטענע שמחה של מצוה און פרייד, ווי דוד המלך זאגט אין **תהלים** (מ"ב ה') "אֶדַּדֵּם עַד בֵּית אֱלֹקִים בְּקוֹל רִנָּה וְתוֹדָה הָמוֹן חוֹגֵג", ווי די **מפרשים** ערקלערן אז דאס גייט ארויף אויף די תקופה ווען אידן זענען געגאנגען עולה רגל זיין אינעם בית המקדש דער בית אלקים, 'אֶדַּדֵּם' איז א לשון פון איינער וואס גייט שטייטלעך, מיט געמאסטענע טריט, רואיג און צופרידן, און אזוי גייענדיג האט מען געפייערט און געזינגען אינאיינעם מיט א קול רִנָּה וְתוֹדָה.

[נאך מער איז כדאי צו דערמאנען, וואס **רב האי גאון** שרייבט אז מען זאגט נישט קיין תחנון נאך די יום טוב סוכות סוף חודש תשרי, וויבאלד די עולי רגלים פלעגן דעמאלטס אהיימגיין פון בית המקדש, און זיי פלעגן אהיימגיין **"בקול רנה ותודה בחזרה יותר מבהליכה"** די שמחה של מצוה נאכן זוכה זיין מקיים צו זיין די מצוה, איז נאך געווען גרעסער ווי די שמחה אויפן וועג ארויף].

יעדער פארשטייט אלייס אז צו גיין אזא שווערע און לאנגע וועג קומט באגלייט מיט פארשידענע מניעות און עגמת נפש, בפרט ווען איינער לאזט טאקע איבער זיין שטוב, זיין פארמעגן, זיין סביבה, עס איז נישט קיין זאך וואס קומט אָן לייכט. אבער דאָך איז דאס גאנצע גיין געווען אין א אַוִיר פון שמחה און התרוממות, יעדער האט פארגעסן פון זיין צער און שוועריגקייטן און זיך דערהויבן העכער דערפון.

אפילו ווען מ'איז אנגעקומען קיין ירושלים, עס האבן געקענט זיין דארטן שווערע מיליאנען אידן בלי גוזמא (זעה ווי די גמרא מאכט א חשבון אין מסכת פסחים דף ס"ד:) און דאָך שטייט אין די משנה אין פרקי אבות (פרק ה' משנה ה') "וְלֹא אָמַר אָדָם לַחֲבֵרוֹ צַר לִי הַמָּקוֹם שֶׁאָלִין בִּירוּשָׁלַיִם" קיינער האט זיך קיינמאל נישט אפגערעדט אז דאס פלאץ איז ענג, יעדער איז געווען צופרידן, אז מ'האט בכלל נישט מרגיש געווען די גשמיות'דיגע ענגשאפט, די אלע 'קליינע' מניעות און פראבלעמען האבן ניטאמאל פארנומען קיין אָרט ביי זיי.

### מה יפו פעמיך בנעלים בת נדיב

פון וואו שעפט כלל ישראל אט די הימלישע כוחות און חיזוק צו קענען אדורכמאכן אזעלכע שווערע לאנגע וועגן אָן צו שפירן די שוועריקגייטן און אומבאקוועמליכקייטן מיט וואס עס קומט מיט?

זאגט די גמרא אין **מסכת סוכה** (דף מ"ט:) **דרש רבא מאי דכתיב "מַה יָּפוּ פְעָמַיִךְ בַּנְּעָלִים בַּת נָדִיב" מה יפו פעמותיהן של ישראל בשעה שעולין לרגל, בת נדיב בתו של אברהם אבינו שנקרא נדיב שנאמר נדיבי עמים נאספו עם אלקי אברהם...** ווי שיין זענען די טריט פון די אידן ווען זיי גייען עולה רגל זיין, און זיי ווערן דא באטילט מיט'ן נאמען 'בַּת נָדִיב' זייענדיג אייניקלעך פון אברהם אבינו וואס ווערט אנגערופן נדיב (ווי די גמרא איז דארט מסביר די כוונה, עיין שם).

הכלל, לערנען מיר דא אז די שיינע טריט און די הערליכע וועגן פון כלל ישראל וואס זענען געפראוועט געווארן בְּקוֹל רִנָּה וְתוֹדָה הָמוֹן חוֹגֵג, שטאמען פון אונזער הייליגע טאטע אברהם אבינו.

אברהם אבינו איז באמת געווען דער ערשטער צו מאכן א לאנגע און שווערע רייזע עַל פי הדיבור, ווייל השי"ת האט איהם באפוילן "לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ" ער זאל נעמען זיין וואַנדער שטעקן אין די הענט אריין און פארלאזן זיין לאנד, זיין היימשטאט, און זיין פאטער'ס הויז, ער זאל ווענדן זיינע טריט "אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ" צו א פרעמדע לאנד וואס דער אייבישטער וועט איהם שוין ווייזן.

אברהם אבינו איז מקיים דער ציווי השי"ת אָן קיין קושיות און אָן קיין טענות ומענות, אברהם אבינו מיט זיין צדקות און תמימות לאזט זיך ארויס אויפן לאנגן וועג. כאטש עס איז שווער, השי"ת פרואווט איהם אויס מיט עשר נסיונות, זיין רייזע איז ארומגענומען מיט שטרויכלונגען און שוועריגקייטן, אבער **אברהם אבינו האלט זיך שטארק מיט א פעלזן פעסטע אמונה, ער ווערט נישט נתפעל און שטעלט זיך נישט אפ צוליב די שטיינער אין זיין וועג.** ער איז פארנומען מיט'ן מפרסם זיין דעם שֵׁם ה' פאר די גאנצע וועלט, ער האלט אין איין פארשפרייטן א אוֹר וואו ער גייט.

און די סיבה איז פשוט, אברהם אבינו האט 'מיטגענומען' דעם אייבישטער כביכול אויף זיין רייזע, ווי די תורה הקדושה איז מֵעִיד דארט "וַיֵּלֶךְ אַבְרָם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֵלָיו ה'" ער גייט ווייל השי"ת האט איהם אזוי באפוילן און ער איז דא מקיים צו זיין דעם רצון ה'. די גאנצע וועג טראגט א פיל העכערע צורה ווען מ'ווייסט אז מען גייט לויט'ן ציווי השי"ת און זיין געטליכע פלאן, מען ווייסט אז מ'געפונט זיך אין די הענט פונעם אייבישטער וואס איז דער מסבב כל הסיבות און ער איז דער וואס פירט און טוט אלעס, אפילו ווען פארן מענטש דאַכט זיך אז ס'איז חלילה שווער.

די זעלבע איז טאקע געווען מיט די אידן ביים גיין עולה רגל זיין. ניין, עס איז נישט קיין גרינגע וועג און עס קומט נישט אָן לייכט, אבער ווען א איד ווייסט און געדענקט וואו אהין זיינע טריט זענען געוואנדן, ער גייט צום בית אלקים, ער גייט זיך דערנענטערן צום אייבישטער, ער גייט מקיים זיין דעם רצון ה', ווערט עס א גאנץ אנדערע סארט גאנג, עס גייט ווי פון זיך אליינס מיט א 'קוֹל רִנָּה וְתוֹדָה הָמוֹן חוֹגֵג' טראץ אלע אומבאקוועמליכקייטן.

**אזא פנים טראגט עס ווען מ'נעמט נישט מיט דעם באשפער**

בלעם איז פונקט דאס פארקערטע! זיין רייזע צו בלק איז מיט א כוונה עובר צו זיין אויפן ציווי השי"ת. אין אנהייב האט דער אייבישטער איהם בכלל נישט געלאזט גיין, אבער ער איז משתוקק יא צו גיין. אפילו נאכדעם ווען דער אייבישטער גיבט איהם רשות צו גיין, איז עס אבער נאר מיט'ן תנאי אז ער גייט זאגן וואס מען וועט איהם לאזן פון הימל, נישט מער. אבער בלעם וויל יא שעלטן, ער וויל טוהן פארקערט ווי דער רצון השי"ת.

אויב איז עס א רייזע אָן דעם באשעפער, האט עס טאקע אזא פנים ווי בלעם'ס וועג. ווען די אייזל הייבט אָן צו מאכן פראבלעמען, ווערט ער אינגאנצן צורודערט, ער שרייט און שלאגט און וויל איר אפילו הרג'ענען. די קליינע מניעות נעמען איהם אינגאנצן ארויס פון די כלים און ער קען נישט אויסהאלטן אפילו א ברעקל!

בלעם איז דער "זה לעומת זה" פון אברהם אבינו ווי מיר האבן פריער דערמאנט. ביי אברהם אבינו שטייט (בראשית כ"ב ג') וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר וַיַּחֲבֹשׁ אֶת חֲמֹרוֹ, און ביי בלעם שטייט אין אונזער פרשה וַיָּקָם בִּלְעָם בַּבֹּקֶר וַיַּחֲבֹשׁ אֶת אֲתֹנוֹ, זיי ביידע גרייטן זיך מיט א זריזות און עקסטאז זיך ארויסצולאזן אין וועג. אבער צום סוף זענען אויס זייערע וועגן אינגאנצן אנדערש איינס פון די אנדערע. אברהם אבינו'ס וועג איז פיל מיט אמונה און לעבטיגקייט טראץ די שוועריגקייטן, און בלעם הרשע'ס וועג איז פיל מיט רשעות און אויפברויז ווען זאכן גייען אביסל נישט ווי ער וויל.

ווייל בלעם האט נישט דער אייבישטער מיט זיך, ער האט זיך אוועקגענייגט פונעם רצון השי"ת, דעמאלטס קען מען טאקע נישט בייקומען די מכשולות און שוועריגקייטן, עס איז נישט מעגליך.

דעריבער אפילו ווען ער זאגט שוין יא "תָּמֹת נַפְשִׁי מוֹת יְשָׁרִים וּתְהִי אַחֲרִיתִי כָּמֹהוּ" ער וויל שטארבן ווי א איד, איז ער אבער נישט גרייט אדורכצומאכן דעם לאנגע און שווערע וועג אהין. עס איז באקאנט וואס **צדיקים** האבן געטייטשט דעם פסוק, **"בלעם וויל לעבן ווי א גוי, נאר שטארבן האט ער געוואלט ווי א איד"...** עס גייט אבער נישט אזוי, אז מען וויל שטארבן ווי א צדיק, דארף מען זיין גרייט אדורכצומאכן די גאנצע 'רייזע' פון לעבן ביז אהין, עס איז דא א וועג פיל מיט שוועריגקייטן, שטרויכלונגען, און נסיונות, און מען דארף זיי בייקומען און זיך מתגבר זיין אויף זיי. אבער בלעם טויג נישט דערצו, ער איז נישט גרייט זיך מבטל צו זיין און מכניע זיין צום דבר ה' און דעריבער איז ער נישט מסוגל אדורכצומאכן אפילו א קורצע רייזע וואס קומט איהם אָן שווער. דערפאר בלייבט ער בלעם הרשע מיט זיינע שלעכטע מחשבות און שלעכטע פלענער קעגן כלל ישראל, אפילו נאכן אנערקענען און פארשטיין זייער גרויסקייט און הייליגע ווערד.

**מיינע נסיעות זענען אין א גאנץ אנדערע ריכטונג**

איידער מיר קומען צום אויספיר אויף למעשה, קומט און הערט א שיינע מעשה וואס מיר האבן אמאל געהערט פון א איד ווי פאלגענד:

ר' אביגדור וועלכער איז א פארמעגליכע ביזנעסמאן פון ניו יארק און האט געוואוינט אין ארץ ישראל צוליב א שמחה, האט זיך אצינד געגרייט צוריק צו פליען קיין אמעריקא וואו עסווארטן איהם זיינע גרויסע און פארצווייגטע געשעפטן. ער איילט זיך צום עירפארט צו קענען כאפן זיין באשטימטע פליגער, וויבאלד ער האט א רייע פון גרויסע ביזנעס מיטינגען און וויכטיגע געשעפטן וואס ער מוז נאך אדרעסירן די וואך, היום קצר והמלאכה מרובה.

נעבן איהם שטייט נאך א איד, לויט'ן פנים קוקט ער אויס צו זיין א ירושלים'ער, אויך מיט זיינע זעק און פעק גרייט צו כאפן דעם זעלבן פליגער קיין ניו יארק. ווען פלוצלינג צו די אנטוישונג פון זיי ביידע הייבט מען אָן צו הערן אזעלכע האלבע שמועות אז עס אנטוויקלט זיך אן ערנסטע פארשפעטיגונג, און ס'האט א ברירה אז זייער פלייט וועט בכלל נישט ארויספארן אין די נאנטע צוקונפט. זאכן זענען נאכנישט קלאר, די בעאמטע רעדן צווישן זיך און קיינער גיבט נישט ארויס קיין ענדגילטיגע אינפארמאציע, אינצווישן שטייט אלעס און וואַרט.

די ספק אליינס איז שוין געווען געגוג ארויסצונעמען אביגדור פון די כלים. ער גייט ארום נערוועז פון איינעם צום צווייטן, ער פראבירט צו הערן עפעס מער קראנט, און אין די זעלבע צייט הייבט ער אָן צו באטראכטן אנדערע אפציעס, אפשר קען ער זיך ארויפבאקומען אויף אן אנדערע פליגער, אפשר א פלייט וואס פאָרט דורך אן אנדערע לאנד, דער עיקר אז ער זאל קענען ארויספארן און אנקומען באצייטענס צו די וויכטיגע זאכן וואס ווארטן אויף איהם.

אינצווישן באמערקט ער ווי דער ירושלים'ער איד זעצט זיך אראפ אויף א באנק אין די זייט, אויף זיין פנים איז אויסגעגאסן א רואיגקייט, ער מאכט אויף א קליין ספר'ל און לערנט אביסל, עס קוקט אויס ווי ער האט וועלטס צייט און ער איז בכלל נישט פאר'דאגה'ט פון וואס עס קומט דא פאָר.

אביגדור איז פארנומען צו רופן דעם און יענעם, ער פרעגט פלוני און איז זיך שואל עצה מיט אלמוני, ער רעדט היציג אויפן טעלעפאן פראבירנדיג צו מאכן זאכן ארבעטן. ווען צווישן איין טעלעפאן קאל אין די אנדערע באגעגענען זיך זייערע בליקן, דער ירושלים'ער איד קוקט אויף איהם און ער קוקט צוריק. די 'סתירה' צווישן די צוויי מענטשן האט ממש ווי ארויסגעשריגן פון זיך אליינס. פון איין זייט געפונט זיך אביגדור וואס האט נאכנישט איינגערוהט פאר אפילו איין מינוט, ער טוט וואס נאר מעגליך זיך ארויסצוציעהן פונעם פלאנטער, און פון די צווייטע זייט דער ירושלים'ער איד וואס זיצט מיט די העכסטע מאָס רואיגקייט און לאזט זאכן זיך פירן אליינס. אביגדור האט געטראכט צו זיך מיט שפאט, "מסתמא גרייט ער זיך ארויסצופאָרן זאמלען געלט אין אמעריקא, וואס וועט דען אויסמאכן אפאר שעה ארויף אדער אראפ, ס'איז איהם סיווי נישט קיין גרויסע נפקא מינה, אבער פאר מיר ברענט די הויט און יעדע איינציגסטע מינוט איז העכסט וויכטיג". (ס'איז דאָך פאָרט נישט געשמאק ווען מ'זעהט ווי א צווייטער קען זיך באהערשן און זיצט אזוי איינגעהאלטן, און ממילא דארף מען בארואיגן די אייגענע געוויסן און זיך פארענטפערן צו זיך אליין).

נאכ'ן פראבירן אהין און אהער א לענגערע צייט, איז אביגדור אנגעקומען צו די מסקנה אז ער וועט סיווי נישט קענען אויפטוהן צופיל, און ער האט

אראפגעלייגט דעם טעלעפאן. ער טרעפט זיך זיצן אויפן באנק נעבן דעם ירושלים'ער איד, און א שמועס אנטוויקלט זיך צווישן זיי. ווי שאקירט איז אביגדור געווען צו הערן פון זיין שכן אויפן באנק אז ער פאָרט קיין ניו יארק צו גיין באזוכן א גרויסער דאקטער צוליב א ערנסטע געזונט פראבלעם ל"ע, ער האט אן אפוינטמענט וואס מען האט שוין באשטעלט חדשים צוריק אויף וועלכע ער וואַרט מיט שפאנונג, און די יעצטיגע פארשפעטיגונג פונעם פליגער קען איהם גאר מאכן פארלירן די גאנצע אפוינטמענט זיינער.

אביגדור האט געעפנט א פּאָר פארוואונדערטע אויגן אויף דעם ירושלים'ער איד און געפרעגט "איך פארשטיי אייך נישט, אויב אזוי פארוואס זיצט איר דא אזוי רואיג? אייער אפוינטמענט איז דאָך איינגעשטעלט! וויאזוי קען מען בכלל איינזיצן אין אזא מצב?!"

דער איד גיבט א שמייכל און זאגט, כ'וועל אייך זאגן דעם חילוק צווישן מיר און דיר. **"דיינע נסיעות זענען אויסגעשטעלט פון תל אביב קיין ניו יארק, אדער פון קאנאדע קיין ענגלאנד, וכדומה, מיינע נסיעות האב איך זיך שוין פון לאנג אויסגעלערנט, זענען פון אמונה צו בטחון, פון מנוחה צו שלוה, און אזוי ווייטער**... איך האב נישט קיין שום אייגענע פלענער, איך ווייס ביי מיר אז דער רבוש"ע איז דער וואס פירט די וועלט, ער טראגט מיר און ברענגט מיר וואו איך דארף אָנקומען. אויב ס'איז באשערט וועל איך אנקומען, און אז נישט וועט נישט העלפן מיין אנגעצויגנקייט און נערוועזקייט, עס וועט נישט אויפטוהן אפילו א ברעקל אויסער מיין אומזיסטע עגמת נפש".

ר' אביגדור דערציילט ווי דער שמועס מיט יענעם אומבאקאנטן איד האט ממש געעפנט זיינע אויגן. ער האט זיך פלוצלינג געשפירט אזוי קליין און נאריש אין זיינע אייגענע אויגן. וואו האלט איך אויף די וועלט?! איך האב טאקע געמיינט אז איך פיר די וועלט ווי אויך מיינע וויכטיגע געשעפטן וואס איך קען חלילה נישט פארפאסן ווייל אויב 'איך' וועל נישט טוהן, וואס וועט זיין. דער ירושלים'ער אידל מיט זיין תמימות און אמונה האט מיר אויפגעוויזן אז ס'קענען פּאַרקומען גאר גרויסע און וויכטיגע זאכן, אבער מיר האבן נישט קיין האנט דערין, מיר טוען גארנישט און קענען גארנישט טוהן, עס איז דא איין גרויסע באשעפער וואס ער טראגט אונז און ברענגט אונז. זינט דאן פראביר איך אויך -פירט אויס ר' אביגדור- אז מיינע נסיעות זאלן זיין געווענדן "פון אמונה צו בטחון, און פון מנוחה צו שלוה"...

### אויף וועמענס רייזע געפונען מיר זיך?

טייערע אידן, די לעבן פון א איד איז א רייזע, א לאנגע וועג וואס איז צוזאמגעשטעלט פון אלע סארטן מצבים און זמנים. יעדער איינער גייט אדורך זיינע מסעות אין לעבן ווי עס איז מבואר אין **ספרים הקדושים**. און עס זענען פארהאנען פארשידענע נסיונות און מניעות וואס קומען אונטער אויפן וועג, ווי מיר האבן מאריך געווען אינעם פריערדיגן שיעור בנוגע די נחשים וואס זענען געקומען אויף כלל ישראל אינעם מדבר און די נחש הנחושת וואס משה רבינו האט געמאכט, ווייל נחשים איז אלעמאל דא! אין יעדעמ'ס לעבן שפראצן ארויס פון צייט צו צייט פארשידענע שוועריגקייטן און אומבאקוועמליכקייטן, מען לעקט נישט אייביג קיין האניג.

אבער דא קומט די חילוק וועמענ'ס תלמיד מיר זענען! מיר האבן די ברירה אויסצווועלן וועלכע סארט רייזע מיר ווילן נעמען. א איד וואס לעבט מיט א רוּחַ נְמוּכָה און א נֶפֶשׁ שְׁפָלָה, ער איז זיך מבטל צום רצון השי"ת מיט תמימות און ערליכקייט, ער נעמט מיט דער רבוש"ע אין זיין מַסַע-החיים, ער ווייסט אז השי"ת פירט איהם און טראגט איהם, און דאס גאנצע וואס ער וויל אין אלע אומשטענדן איז זוכה צו זיין צו התקרבות לה' ער וויל ווערן נענטער צום אייבישטער און ער וויל טוהן זיין רצון. דאן וועט זיין לעבנס רייזע ווערן א וועג פון "קוֹל רִנָּה וְתוֹדָה הָמוֹן חוֹגֵג" א וועג פון גזאנג און פרייד, א וועג פון חיזוק און בטחון, א וועג מיט שיינע טריט "מַה יָּפוּ פְעָמַיִךְ בַּנְּעָלִים" אפילו ווען זאכן זענען נישט אזוי גרינג און זיס.

אבער אויב חלילה גייען מיר אין די פארקערטע ריכטונג, ווען א איד נעמט נישט מיט דעם אייבישטער אין זיינע וועגן, פאלט מען ח"ו אריין צווישן די תַּלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע, און מען ווערט 'אויס מענטש' פון יעדע קליינע שטרויכלונג און פראבלעם, מען ווערט אין כעס און עצבות, די רוּחַ גְּבוֹהָה און נֶפֶשׁ רְחָבָה ווערט צושאקלט פון די נסיונות און קען עס נישט אדורכטראגן.

וויפיל התבוננות דארפן מיר האבן צו מאכן זיכער אז מיר פּאָרן אויפן ריכטיגן וועג, אין די וועגן פון אברהם אבינו. אדרבה, אויב זעען מיר אז פון א געוויסע זאך וואס מיר טוען קומט ארויס קריגערייען, כעס און ביטערניש, מיר פארלירן זיך שנעל און קענען זיך נישט באהערשן, וכדומה, דארף דאס דינען אלס א אויפוועקונג רוף אז מיר האבן שטארק מעגליך זיך אוועקגערוקט פון אברהם אבינו'ס וועג. ווייל א וועג וואס טראגט מיט זיך רצון השי"ת, כבוד שמים, אמונה ובטחון, האט א גאנץ אנדערע צורה.

לאמיר זיך אומקוקן ארום זיך, וואס איז די אטמאספערע אין אונזער סביבה? וואס איז די לופט ארום מיר? דאס קען אונז גאנץ שנעל ווייזן אין וועלכע וועג מיר גייען. לאמיר מאכן זיכער אז מיר זענען אויפן ריכטיגן וועג, אויפן וועג פון מַה יָּפוּ פְעָמַיִךְ בַּנְּעָלִים בַּת נָדִיב...

לסיכום געדענק:

- ווען מיר גייען אויף געוויסע מקומות, אדער טוען געוויסע פעולות, זיי זיך בודק, הערשט דארט א אטמאספערע ווי די וועג פון בלעם הרשע ח"ו, אדער איז עס א וועג פון שלוה און חיזוק אזיווי אברהם אבינו.
- אפילו ווען מען גייט א שווערע און לאנגע וועג, אויב האט עס דעם אייבישטער אין זיך, דאן ווערט דאס א וועג פון התחזקות און שמחה, און מען קען ביישטיין אלע נסיונות.
- די לעבן פון א מענטש איז איין לאנגע רייזע, מיר מוזן געדענקן מיטצונעמען השי"ת מיט אונז, לעבן מיט'ן רבוש"ע און זיך מבטל זיין צו זיין רצון.

## א לעבטיגע שבת קודש און א געזונטן זוממער!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com